**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**זיך נעמען צו ריטעיל רויבערייען: גאווערנאר האקול מעלדט אז ניו יארק סטעיט פאליציי ארגעניזירטע ריטעיל רויבעריי טעסק פארס האט צוריקבאקומען מער ווי 2.6 מיליאן דאלאר אין גערויבטע סחורה**

***א סך-הכל פון 1,224 ארעסטן וואס האט אריינגענומען 2,146 קרימינאלע טשארדשעס זענען געמאכט געווארן אין פארבינדונג צו 1,006 אפעראציעס איבער'ן סטעיט***

***טעסק פארס באשטייט פון 100 ספעציעל געווידעמעטע פאליציי מיטגלידער, דיסטריקט עטארניס און לאקאלע געזעץ ענפארסירונג אגענטורן***

***ריטעל רויבערייען זענען אראפ מיט מער ווי 13 פראצענט פון פאריגע יאר אין ניו יארק סיטי, לארסעני אראפ מיט 13 פראצענט לענגאויס די איבעריגע חלקים פונעם סטעיט***

גאווערנאר Hochul (האקול) האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט פאליציי ארגעניזירטע ריטעיל רויבעריי טעסק פארס (Organized Retail Theft Task Force) האט צוריקבאקומען מער ווי 2.6 מיליאן דאלאר אין גערויבטע סחורה איבער'ן סטעיט זייט'ן איינפירן נייע איניציאטיוון צו רעדוצירן ריטעיל רויבערייען אין אפריל 2024. דורכאויס 1,006 אפעראציעס, האבן סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ ענפארסירונג שותפים דורכגעפירט 1,224 ארעסטן און אריינגעגעבן 2,146 קלאגעס. די שטארקע, געמיינזאמע באמיאונג זיך צו נעמען צו די נאכ'ן-פאנדעמיע אויפשטייג אין רויבערייען האט צוגעגעבן צו א 13.6 פראצענט רעדוקציע אין ריטעיל רויבערייען זייט פאריגע יאר אין ניו יארק סיטי און א 13 פראצענט רעדוקציע אין לארסעני אינדרויסן פון ניו יארק סיטי פון יאנואר ביז יוני דאס יאר אין פארגלייך צו די זעלבע תקופה פאריגע יאר.

"נאכפאלגנדיג דעם פאנדעמיע, האבן ניו יארקער ריטעילער זיך געמוטשעט מיט א שטארקע אויפשטייג אין ארגעניזירטע ריטעיל רויבערייען, וואס דערפאר האבן מיר אינוועסטירט אין געזעץ ענפארסירונג און פארשטערקערט אונזערע געזעצן צו האלטן פאראנטווארטליך די וואס פירן דאס דורך, באשיצן ארבעטער, און שטיצן די קליינע ביזנעס אייגנטומער וואס זענען די ריקן-ביין פון אונזער עקאנאמיע" **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "א דאנק די ארבעט פון די סטעיט פאליציי ארגעניזירטע ריטעיל רויבערייען טעסק פארס, אונזערע שותפים אין לאקאלע געזעץ ענפארסירונג און דיסטריקט עטארניס לענגאויס דעם סטעיט, טוען מיר צוריקבאקומען מער גערויבטע סחורה, דורכפירנדיג מער ארעסטן און זעהנדיג פאזיטיווע רעזולטאטן."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט Steven G. James (סטיווען דשי. דשעימס) האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט פאליציי איז שטאלץ צו וויטער קא-ארדענירן מיט אונזערע געזעץ ענפארסירונג שותפים צו אפשטעלן די אויפשטייג אין ריטעיל רויבערייען. ריטעיל רויבעריי טוט נישט בלויז האבן א פינאנציעלע השפעה אויף א ביזנעס, נאר טוט אויך ברענגען צער פאר ביזנעס אייגנטומער,

ריטעל ארבעטער און איינקויפער. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע צוטרוי און שטיצע פון די ניו יארק סטעיט פאליציי צו באקעמפן ריטעיל רויבערייען אין ניו יארק סטעיט."

נאכפאלגנדיג א נאכ'ן-פאנדעמיע אויפשטייג אין באריכטעטע ריטעיל רויבערייען אין ניו יארק סיטי און א שטארקע העכערונג אין באריכטעטע לארסעניס איבער'ן סטעיט, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אינוועסטירט מער ווי 40 מיליאן דאלאר אין דיסטריקט עטארני'ס אפיסעס, לאקאלע געזעץ ענפארסירונג, און ריטעיל רויבערייען טיעמס אינערהאלב די סטעיט פאליציי וואס פארמאגט 100 ספעציעל געווידמעטע טרופערס. זי האט אויך פאראויסגעריקט נייע איניציאטיוון צו פארשטערקערן געזעצן, האלטן פארברעכער פאראנטווארטליך, באשיצן ריטעיל ארבעטער און שטיצן קליינע ביזנעסער, אריינגערעכנט:

- העכערן די אסאולט פון א ריטעיל ארבעטער פון א מיסדעמינער צו א פעלאני, פארזיכערנדיג אז סיי וועלכע מענטש וואס פאראורזאכט פיזישע שאדן פאר א ריטעיל ארבעטער וואס טוט זיין ארבעט ווערט אויסשטיין מער ערנסטע קרימינאלע שטראפן.
- ערלויבן פראסעקיוטער צו צאמשטעלן די ווערד פון גערויבטע סחורה ביים אריינגעבן לארסעני טשארדשעס, און ערלויבן ריטעיל סחורה פון פארשידענע געשעפטן צו ווערן צאמגערעכנט פאר די ציל פון דערגרייכן א העכערע לארסעני שטאפל ווען זיי זענען גערויבט געווארן אונטער דעם זעלבן קרימינאלע פלאן.
- דאס מאכן אומלעגאל צו ערמעגליכן דאס פארקויפן פון גערויבטע סחורה צו קענען אנקלאגן דריטע-פארטיי פארקויפער.
- פארזיכערן 5 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן שטייער קרעדיטס צו העלפן קליינע ביזנעסער צו אינוועסטירן אין און פארגרינגערן די פינאנציעלע עול פון צוגעלייגטע זיכערהייט מאסנאמען.

די [לעצטיגע פארברעכנס דאטא באריכטעט דורך די ניו יארק סיטי פאליציי אפטיילונג] ווייזט א רעדוקציע פון יאר צו יאר אין עטליכע פארברעכנס קאטעגאריעס, אריינגערעכנט א 3 פראצענט רעדוקציע אין אלגעמיינע באקלאגענישן איבער פארברעכנס, א 20.5 פראצענט רעדוקציע אין מארדן, א 23.2 פראצענט רעדוקציע אין שיסעריי אינצידענטן און א 9.5 פראצענט רעדוקציע אין רויבערייען.

**דאונטאון ברוקלין פארטנערשיפ פרעזידענט Regina Mayer (רעדשיינע מעיער) האט געזאגט,**
"אלס באשיצער פון די אייקאנישע פולטאן מאל (Fulton Mall) ריטעיל קארידאר, ווייסן מיר פון די נאנט ווי שעדליך ריטעיל רויבערייען קענען זיין פאר די ביזנעסער וואס מאכן אונזערע דאונטאונס בליען. מיר אפלאדירן גאווערנאר Hochul's (האקול) פארפליכטונג צו באשיצן ביזנעסער לענגאויס ניו יארק סטעיט מיט די ריטעיל רויבערייען טעסק פארס, און קוקן ארויס צו אנגיין מיט אונזער ארבעט צו שטיצן ריטעילער דא אין דאונטאון ברוקלין."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן